בס"ד

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

373 | פרשת כי תשא | תשפ"א

## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### די באדייט פון 'שעה' ביים דאווענען

**"רֶגַע אֶחָד אֶעֱלֶה בְקִרְבְּךָ"** (לג ה)

דער ווארט: "רגע" טייטש אונקלוס: "שעה" (זעה אויך במדבר טז כא). און טאקע אזוי, די באגריף 'שעה' וואס שטאמט פון די ארמיי'שע שפראך, איז זיין באדייט א סקונדע, ד.מ.: זייער א קורצע צייט.

מיט דעם פארענטפערט דער **'תוספות יום טוב'** דעם נוסח הברכה פון 'אשר יצר': "שאם יפתח אחד מהם או יסתם אחד מהם אי אפשר להתקיים ולעמוד לפניך אפילו **שעה** אחת"; אויב מיר וואלטן געטייטש 'שעה' אזוי ווי מיר זענען געוואוינט צו טייטשן אין אונזערע צייטן, וואלט שווער געווען, מען וואלט געדארפט זאגן 'אי אפשר להתקיים אפילו **רגע** אחד'? אבער לויט וואס איז פריער דערמאנט געווארן, אז די ריכטיגע טייטש פון 'שעה' איז א 'סקונדע', פארשטייט מען זייער גוט.

מיט דעם קען מען אויך פארענטפערן דעם נוסח ביי ברכת המזון [וואס ענליך צו דעם זאגט מען ביי די ברכה 'שים שלום']: "שאתה זן... בכל יום ובכל עת ובכל שעה"; לויט די היינטיגע שפראך איז 'שעה' א לענגערע צייט פון 'עת', וואלט מען ווען געדארפט זאגן לויט דעם סדר אויף אראפ: 'בכל יום ובכל שעה ובכל עת', אבער לויט וואס איז פריער ערקלערט געווארן אז די ריכטיגע טייטש פון 'שעה' איז א 'סקונדע', פארשטייט מען קלאר דעם סדר.

'מעדני יום טוב' [על הרא"ש] ברכות פ"ט כב ח

### מידת הרחמים אין זכות פון ענוה

**"וַיֹּאמֶר אֲנִי אַעֲבִיר כָּל טוּבִי עַל פָּנֶיךָ וְקָרָאתִי בְשֵׁם ה' לְפָנֶיךָ וְחַנֹּתִי אֶת אֲשֶׁר אָחֹן וְרִחַמְתִּי אֶת אֲשֶׁר אֲרַחֵם"** (לג יט)

"כשנצרכת לבקש רחמים על ישראל הזכרת לי זכות אבות (לעיל לב יג), כסבור אתה שאם תמה זכות אבות אין עוד תקוה... 'וקראתי בשם ה' לפניך' - ללמדך סדר בקשת רחמים [י"ג מידות]; אף אם תכלה זכות אבות... רחמי לא כלים" (רש"י).

**רבי אברהם יצחק שיין** ר"מ ישיבת 'תפארת ירושלים' זאגט:

פון רש"י זעט אויס אז משה האט זוכה געווען אז עס איז צו אים נתגלה געווארן די י"ג מידות של רחמים, צוליב זיין ענוה ווען ער האט נישט אנגעהאנגען די בקשה אין זיין אייגענע זכות נאר אין זכות אבות (ראה ברכות י ב). לויט דעם

### דער וואס ענטפערט אמן איז עולה לגדולה

**"כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל"** (ל יב)

אין גמרא (חולין פז א ע"פ רש"י שם וש"ך חו"מ שפב ב) ווערט געברענגט א מעשה מיט א צדוקי וואס האט געגעסן אין הויז פון רבי יהודה הנשיא. אין יענע צייטן איז געווען איינגעפירט אז איינער האט מוציא געווען אלע אנוועזנדע מיט ברכת המזון, ווען זיי ענטפערן נאך אים אמן. רבי האט געוואלט פארמיידן דעם צדוקי פון צו ענטפערן אמן, און ווייל די ווערד פון יעדע אמן איז צען זהובים, האט ער פארגעשלאגן דעם צדוקי פערציג זהובים - די שכר פון די פיר אמן'ס וואס מ'ענטפערט נאך די פיר ברכות פון ברכת המזון, כדי ער זאל אוועק גיין פון די סעודה פארן בענטשן. אבער דער צדוקי האט נישט געוואלט מוותר זיין אויף די זכות, איז ארויס א בת קול פון הימל און האט געזאגט: יא, עס לוינט זיך מוותר אויף פערציג זהובים, כדי זוכה זיין אין די שכר פון ענטפערן אמן אויף ברכת המזון. אין די פארזעצונג פון די גמרא ווערט געברענגט די עדות פון רבי יצחק וואס האט געלעבט אסאך יארן שפעטער: "די פאמיליע [פון דער צדוקי] זענען נאך אין די היינטיגע צייטן צווישן די גדולי רומי, און זיי ווערן אנגערופן משפחת בר לויאנוס".

א רמז אויף דעם אז דער וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן איז עולה לגדולה דרש'ענען די **בעלי התוספות** פון דער פסוק: "'תִשָּׂא' - איז ראשי תיבות: '**ת**שמור **ש**ם **א**-דני'. ד.מ. אויב דו וועסט אינזין האבן ווי עס דארף צו זיין ווען דו וועסט דערמאנען דעם אייבערשטנ'ס נאמען ביים דאווענען און ביים זאגן א ברכה און מקפיד זיין ענטפערן אמן נאך יעדע ברכה [וואס איז גימטריה די צוויי שמות הק' - הוי"ה און אדנ"י], וועסטו זוכה זיין צו זיין "רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל".

'תוספות השלם'

פארשטייט מען פארוואס ביי די תפילה 'א-ל ארך אפים' וואס ווערט געזאגט ווי א הקדמה צו די י"ג מידות דערמאנען מיר די ענוה פון משה: "בתחנון ובתפילה פניך נקדם כהודעת **לענו** מקדם".

'ברכת איש'

### 'ויעבור' - ווי א שליח ציבור

**"וַיַּעֲבֹר ה' עַל פָּנָיו וַיִּקְרָא"** (לד ו)

"אלמלא מקרא כתוב אי אפשר לאומרו; מלמד שנתעטף הקדוש ברוך הוא כשליח ציבור והראה לו למשה סדר תפילה, אמר לו: כל זמן שישראל חוטאין - יעשו לפני כסדר הזה ואני מוחל להם" (ר"ה יז ב).

וואו איז מרומז אין פסוק אז "נתעטף הקדוש ברוך הוא כשליח ציבור"?

ערקלערט **רבי שמואל בן זקן** פון די גרויסע רבנים אין פאס: ווייל די חכמים רופן אן א שליח ציבור 'עובר לפני התיבה' (ברכות לד א ועוד), ווען דעם האבן זיי געטייטשט דעם פסוק: "**וַיַּעֲבֹר** ה' עַל פָּנָיו", ווי כביכול הקב"ה האט זיך איינגעהילט מיט א טלית ווי א שליח ציבור.

'גפן פוריה' ר"ה יז ב

### 'עון אבות' העלפט פאר די קינדער

**"פֹּקֵד עֲוֹן אָבוֹת עַל בָּנִים וְעַל בְּנֵי בָנִים עַל שִׁלֵּשִׁים וְעַל רִבֵּעִים"** (לד ז)

לכאורה, וויאזוי קען מען דערמאנען די מדה פון פוקד עון אבות על בנים צווישן די י"ג מידות של רחמים?

זאגט **רבי יעקב משולם הארנשטיין** דער לעמבערגער רב:

'פוקד עון אבות' וואס ווערט דא דערמאנט איז לטובה - ווייל ווען א מענטש ווערט גע'משפט אויף זיינע זינד זענען די אדוואקאטן מלמד זכות אז די שלעכטע מעשים פון זיינע עלטערן האבן צוגעברענגט ער זאל זינדיגן.

אבער מ'דארף וויסן אז דאס העלפט נאר פאר א מענטש וואס האט נישט געזינדיגט מער פון זיינע עלטערן, אבער דער וואס האט געזינדיגט מער פון זיינע עלטערן, וועט נישט העלפן דערמאנען די זינד פון זיינע עלטערן.

מיט דעם קענען מיר פארשטיין דעם נוסח וואס מיר הייבן אן דעם ווידוי: "שאין אנו עזי פנים... לומר לפניך... צדיקים אנחנו ולא חטאנו - אבל אנחנו ואבותינו חטאנו", מיר ווילן נישט זיך מתוודה זיין אויף די זינד פון אונזערע עלטערן, נאר אויף אונזערע, אז אונז זענען נישט עזי פנים זיך פארענטפערן און זאגן "צדיקים אנחנו ולא חטאנו" אין אונזער שולד, נאר "אנחנו ואבותינו חטאנו" - און די זינד פון אונזערע עלטערן האט צוגעברענגט אז מיר זאלן זינדיגן, ווייל צו אונזער גרויסער שאנד, האבן מיר פארמערט צו זינדיגן מער פון אונזערע עלטערן.

'ישועות יעקב'




## דער עיקר אמונה איז אנגעהאנגען אין אמן

אין שבת קודש פרשת כי תשא געפאלט אויס די יומא דהילולא פון בעל 'ערוך השולחן'.
דאס זענען די ווערטער וואס ער פסק'נט אין זיין גרויסן ספר (או"ח קכד יא)
איבער די מעלה פון ענטפערן אמן:

**"אין אמן איז אנגעהאנגען די עיקר פון אמונה, וועגן דעם זאל מען אויסלערנען די קליינע קינדער זאל אכטונג געבן צו ענטפערן אמן, און פון דער קינד ענטפערט אמן האט ער שוין א חלק אין עולם הבא"**

'בני אמונים' - 'זהירים לשומרו אבות ובנים'

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## 'יהי רצון' נאך די 'ברכות השחר' (א)

### דער טעם פון עס זאגן אנהייב טאג

נאכן ענדיגן די ברכה 'המעביר שינה' האבן די מסדרי התפילה צוגעלייגט ('סדר רב עמרם'; 'מחזור ויטרי'; אבודרהם) נאך א תפילה, דאס איז די תפילה פון רבי וואס ווערט געברענגט אין מסכת ברכות (טז ב) מיט קליינע ענדערונגען:

"רבי בתר צלותיה [ווען ער האט געענדיגט שמונה עשרה] אמר הכי: 'יהי רצון מלפניך ה' אלקינו ואלקי אבותינו שתצילנו מעזי פנים ומעזות פנים, מאדם רע ומפגע רע, מיצר רע, מחבר רע, משכן רע, ומשטן המשחית, ומדין קשה ומבעל דין קשה, בין שהוא בן ברית בין שאינו בן ברית'".

אין 'לקוטי מהרי"ח' (סדר ברכת השחר) ערקלערט ער די תקנה פון זאגן די תפילה געבויעט אויף די ווערטער פון של"ה הקדוש ('עמק ברכה' [מהד"ח] עמ' עג) אז די 'יהי רצון' וואס ווערט געזאגט ביי די ברכה 'המעביר שינה' איז מעין א 'שמונה עשרה', קומט אויס אז ווען מיר זאגן נאכדעם די תפילה, איז עס גערעכנט כאילו מיר וואלטן עס געזאגט נאך די שמונה עשרה אזוי ווי ס'איז געווען דער מנהג פון רבי. ענליך צו דעם איז ערקלערט אין סידור 'צלותא דאברהם' (עמ' סד) אז די 'שמונה עשרה' ברכות השחר זענען אקעגן די 'שמונה עשרה', און וועגן דעם האט מען מסדר געווען צו זאגן נאכדעם די תפילה וואס רבי האט מתקן געווען צו זאגן נאך די 'שמונה עשרה'.

עס זענען דא וואס פירן זיך עס צו זאגן אויף איר ארגינעלן ארט נאכן ענדיגן 'שמונה עשרה' (שו"ת מהרש"ל סי' סד).

דער 'יהי רצון' איז משלים די בקשות וואס מיר האבן געבעטן אין די 'יהי רצון' נאך די ברכה 'המעביר שינה', ווייל אין אנהויב האבן מיר געבעטן פון הקב"ה ער זאל אונז ראטעווען פון רוחניות'דיגע פראבלעמען - מיר זאלן נישט נאכגעשלעפט ווערן נאך זינד און זינדיגער א.ד.ג., און ביי דער 'יהי רצון' בעטן מיר ער זאל אונז אויך ראטעווען פון היזיקות אין קערפער אדער אין פארמעגן (סידור 'צלותא דאברהם' שם).

### דער אונטערשייד פון 'עזי פנים' און 'עזות פנים'

אין אנהויב די 'יהי רצון' בעטן מיר פון הקב"ה ער זאל אונז ראטעווען: "מעזי פנים ומעזות פנים". דער אונטערשייד צווישן 'עזי פנים' און 'עזות פנים' ערקלערט רש"י (ברכות שם) אז אין אנהייב בעטן מיר אונז גראטעוועט ווערן 'מעזי פנים' - זיי זאלן זיך נישט רייצן מיט אונז, און נאכדעם לייגן מיר צו א בקשה 'מעזות פנים' - זיי זאלן נישט ארויסגעבן אויף אונז א קלאנג פון ממזרות. א ממזר ווערט אנגערופן 'עז פנים' ווייל עזות פנים איז איינע פון די סימנים פון א ממזר (ראה קידושין ע ב), און פון די צווייטע זייט טרעפן מיר אז דער וואס פירט זיך מיט די מידה פון שווייגן און נאכלויפן שלום איז דאס עדות אז ער איז א מיוחס (שם עא ב; רש"י שם ד"ה זיל).

דער מהר"ל ('נתיבות עולם', נתיב הבושה פ"ב) שרייבט אז לויט רש"י איז דער נוסח ריכטיג אויסגעשטעלט, פון אנהייב בעטן מיר מיר זאלן גראטעוועט ווערן פון **'עזי פנים'** - בלשון רבים, ווייל געווענליך אויך א מחוצף וועט מורא האבן צו זיין א עזות פנים אויב קיינער וועט אים נישט צוהעלפן, און נאכדעם בעט מען בלשון יחיד - **'מעזות פנים'**, ווייל לשון-הרע קען אויך איינער אליין פארשפרייטן.

ווייל די מידה פון 'עזות' איז אזוי פינסטער און ביטער אז עס פארדארבט אויך די מידות טובות און דרייט זיי איבער אויף שלעכט, וועגן דעם בעטן מיר נישט נאר מיר זאלן געראטעוועט פון די "עזי פנים", נאר מיר זאלן נישט דארפן צוקומען צו זיי אפילו אויף א טובה, ווייל אויך א טובה פון זיי - איז שלעכט ('שיח יצחק' - 'סידור הגר"א').

### מיר זאלן נישט זיין 'עזי פנים'

פון די אנדערע זייט, לערנט דער אבודרהם אז די צוויי אויבנדערמאנטע פירושים זענען אריינגערעכנט אין די בקשה 'מעזי פנים' - מיר זאלן ניצול ווערן פון די עזי פנים וואס קענען אונז שעדיגן און אויך ארויסגעבן אויף אונז א שלעכטע קלאנג אז מיר זענען פסול. אבער די בקשה 'מעזות פנים' איז אויף אונז - מיר זאלן נישט געשטרויכלט ווערן אין די מדה פון עזות פנים אקעגן אנדערע, ווייל "עז פנים לגיהנם" (אבות ה כ).

אין ספר 'תורת בר נש' (פר' קדושים) לייגט ער צו אז די בקשה 'ומעזות פנים' איז וויכטיג צו בעטן נאך די בקשה 'מעזי פנים', ווייל אויך א מענטש וואס מצד זיין טבע איז נישט קיין עזות פנים, אבער ווען מ'טשעפעט אים איז אים שווער עס אראפשלינגען און קען רעאגירן מיט עזות אויף צוריק, וועגן דעם דערנאך וואס מיר האבן געבעטן ניצול ווערן 'מעזי פנים', איז וויכטיג מיר זאלן בעטן אז אויך אויב געוויסע מענטשן וועלן זיך אקעגן שטעלן אקעגן אונז, זאלן מיר נישט נאכגעשלעפט ווערן און זיי צוריק ענטפערן מיט עזות.

אין סידור 'דרך החיים' [לר"י מקלנבורג] ערקלערט ער אז די בקשה ניצול ווערן "מעזות פנים" מיינט מיר זאלן עס נישט נוצן אקעגן אונז אליין. און ערקלערט, יעדער איד האט דאך א אינערליכע נקודת האמת און ווייסט חובתו בעולמו און איז א ירא שמים, נאר דורך די התגברות היצר ווערט ער א עזות פנים אקעגן זיין אינערליכע נקודת האמת, און אויף דעם בעט מען מיר זאלן פון דעם ניצול ווערן.

### 'עזות פנים' - עשירים, 'עזי פנים' - ארימעלייט

מעשה שהיה אין שטאט ראווא, ווען די פירער פון די שטאט, אין שפיץ פון דער אב"ד רבי לוי יצחק שור זצ"ל, בעל 'עטרת תפארת', זענען געזיצן ביי א חשובע פארזאמלונג וואו דארט האט מען דן געווען אין עניני הכלל, זענען פלוצלינג אריינגעקומען מיט גרויס חוצפה עטליכע גאסן-יונגען און מיט גרויס חוצפה האבן זיי גערעדט אקעגן דעם רב און די חשובע פארזאמלטע.

ווען דער רב האט געזען זייער חוצפה האט ער זיך אנגערופן מיט זיין שארפן שפראך:

מיר דאווענען יעדן טאג פארן אייבערשטן ער זאל אונז ראטעווען "מעזי פנים ומעזות פנים". און מיר טרעפן אז דער לשון 'עזות' איז געזאגט געווארן אקעגן די עשירים, אזוי ווי עס שטייט (משלי יח כג): "ועשיר יענה עזות", דאקעגן דער לשון 'עזי' איז אקעגן עניים, אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו נו יא): "והכלבים עזי נפש", און עס איז נישט פאראן קיין גרעסער עני מער פון א כלב (שבת קנה ב).

און מ'קען זאגן אז אויף דעם בעטן מיר פון השי"ת ער זאל אונז ראטעווען, סיי 'מעזי פנים' - פון ארימע מענטשן וואס זענען עזות'דיג אזוי ווי הונט וואס בילן און האבן נישט קיין כח צו שעדיגן, און נאכמער 'מעזות פנים' - פון די רייכע לייט, וואס קענען יא שעדיגן און קאליע מאכן.

יעצט האב איך זיך איבערגעצייגט אז די תפילה האט שטארק אויסגעפעלט אויף די אסיפה, ווייל די עשירים וואס האבן א כח זיי זענען שטיל געבליבן, און פונקט די ארימעלייט און נידריגע יונגען האבן זיך גע'חוצפה'עט, אין די צייט וואס זיי האבן אינגאנצן נישט קיין כח עפעס צו טון ('דעת זקנים' [לר"א איטניגא] עמ' מז).

**יהי רצון מלפניך ה' אלקי ואלקי אבותי, שתצילני היום ובכל יום מ**- פון מענטשן **עזי פנים** - זאלן זיך נישט אקעגן שטעלן מיט חוצפה, אדער פארשפרייטן א קלאנג פון א פסול, **ומעזות פנים** - און איך זאל אויך נישט זיין א עזות פנים פאר אנדערע.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## א פראכטפולע בוים וואס איז אנגעטרינקען געווארן מיט טרערן

ככלות די 'שלושים' פון די הסתלקות פון איינער פון די חשובע און אלטע ראשי ישיבות אין אונזער דור, הגאון הגדול רבי יצחק שיינער זצ"ל, ראש ישיבת קאמעניץ, זענען מיר געבעטן געווארן ברענגען פאר די ליינער זיין וואונדערליכער ערציילונג וואס לויט זיין פערזענליכע עדות איז ער אויסגעשטיגן און האט דערגרייכט צו וואו ער איז צוגעקומען נאר אין זכות פון זיין מוטער'ס טרערן.

רבי יצחק זצ"ל איז געבוירן געווארן אין טאג י"ד מרחשון אין יאר תרפ"ג א בן יחיד צו זיינע עלטערן, רבי דוב ומרת פערל שיינער זצ"ל, וואס ארום דריי יאר בעפאר ער איז געבוירן געווארן האבן זיי זיך אוועק געצויגן פון גאליציע, צוליב די שווערע עקאנאמיע וואס האט געהערשט אין אייראפא אין יענע יארן, און האבן זיך באזעצט אין שטאט פיטסבורג וואס איז אין פענסילווועניע וואס געפונט זיך אין אמעריקא.

זיין פאטער רבי דוב איז געווען א תמימות'דיגער ערליכער איד, וואס אין יענע יארן האט ער זיך מוסר נפש געווען, פשוטו כמשמעו, אויף שמירת שבת, אזאך וואס מ'האט נישט אסאך געזען אין יענע צייטן. די אידן אזוי ווי אים האבן זיך געמוזט ספראווען אין יענע צייטן מיט גרויסע שוועריקייטן; אין די 'גאלדענע לאנד' פון יענע יארן איז די ווערד פון צייט געווען געמאסטן נאר מיט געלט. די פאבריק פון געלט האט געארבעט זיבן טעג א וואך מיט איר פולסטן ברען, און ווער עס האט געוואלט 'פרייהייט', האט באלד פארלוירן זיין ארבעט.

אזוי איז זיין פאטער געצווינגען געווען יעדע וואך צו זוכן א נייע ארבעט כדי צו שפייזן זיין הויזגעזונד, און ווען ער האט יא געטראפן א געוויסע ארבעט וואס ער האט נישט געדארפט ארבעטן אין שבת, איז עס געווען א ארבעט וואס די געהאלט איז גארנישט ווערד געווען אקעגן די גרויסע פלאגעניש.

און אזוי האט רבי יצחק דערציילט אויף דער עלטער:

"ארום זעכציג טויזנט אידן האבן געוואוינט אין פיטסבורג אין יענע יארן. רוב זענען געווען ערליכע אידן, אזוי ווי מיינע עלטערן זענען זיי אוועק געפארן פון אייראפא כדי צו פארבעסערן זייער עקאנאמישער מצב, און האבן זיך דערזען ווי זיי דארפן זיך פארמעסטן מיט זייער א שווערע רוחניות'דיגע צושטאנד. אין דער געגענט וואו מיינע עלטערן האבן געוואוינט איז נישט געווען קיין תלמוד תורה, און זיכער נישט קיין ישיבות.

אין די ווייטע ניו יארק האט דעמאלטס אנגעהויבן זיך דערקענען א נייע מציאות, דארט זענען געווען אידן וואס אלע האבן זיי אנגעקוקט ווי 'מאדנע', זיי האבן אנגעהויבן גרינדן תלמוד תורה'ס און ישיבות. איינער פון די באקאנטע פון צווישן זיי איז געווען מורי ורבי רבי שרגא פייוויל מענדלאוויטש זצ"ל, וואס צוזאמען מיט זיין שותף רבי בנימין ווילהעלם האבן אקעגן אלע אויסזוכטן אויפגעשטעלט די ישיבה 'תורה ודעת' וואס האט געראטעוועט די אמעריקאנער אידנטום עס זאל נישט אונטערגיין.

די טויש האט זיך אנגעהויבן נאר אין ניו יארק. איך האב געוואוינט אין פיטסבורג און איך האב געמוזט אין מיינע קינדערישע יארן לערנען אין א רעגירונג'ס שולע, אזוי ווי אלע אידישע קינדער וואס האבן געוואוינט אין מיין שטאט. איך האב דעמאלטס געהאט זייער אסאך אידישע חברים, אבער היינט צו טאג קען איך ציילן אויף מיין האנט די וואס זענען געבליבן געטריי צו אידישקייט.

מיינע עלטערן וואס זענען געווען פון די איינציגסטע וואס האבן ממשיך געווען אפהיטן אלע מצוות אויך אין די שווערע מציאות וואס מ'האט דעמאלטס געלעבט, זענען זייער דערשראקן אויף די רוחניות'דיגער עתיד פון זייער בן יחיד'ל, אבער זיי האבן גארנישט געקענט טון אויסער דאווענען.

מיין מאמע ע"ה וואס האט צוגעזען די שרעקליכע מצב פון די יוגנט אין אונזער געגענט, אין די צייט וואס די עלטערן קומען אין שול, האבן די קינדער אינגאנצן אויפגעהערט פון צוקומען, האט זי פארגאסן טרערן ווי וואסער ביי אירע תפילות, ספעציעל בשעת'ן צינדן די שבת-ליכט, און געבעטן ביי השי"ת אז איר זון זאל נישט אויסוואקסן ווי זיי. זי האט נישט געבעטן קיין גרויסע זאכן, נאר געהאלטן אין איין זיך בעטן מיט איר איינפאכן שפראך: 'ריבונו של עולם, טו אלעס אז מיין זון זאל בלייבן א ערליכער איד א גאנץ לעבן'.

עס איז נישט געווען קיין שום סיבה אז איך זאל אויסוואקסן אנדערשט פון מיינע חברים, ווען נישט די באהאלטענע וועגן פון ה'. דורך א וואונדערליכע השגחה פרטית האט הקב"ה צוגעפירט אז הרה"ג רבי דוד בענדער זצ"ל איז געווען ביי מיינע עלטערן אין הויז, און האט זיי איבערגערעדט זיי זאלן מיך אוועק שיקן אויף א אומבאקאנטע פלאץ, זיין א תלמיד אין א הייליגע ישיבה.

רבי דוד בענדער איז געווען דער מנהל פון ישיבת 'תורה ודעת' וואס איז דעמאלטס געגרינדערט געווארן אין ניו יארק, אבער בפועל האט ער געדינט אלץ 'משולח' פון די ישיבה. אין לויף פון די יארן איז ער ארום געגאנגען צווישן אלע אידישע קהילות אין אמעריקע כדי צו שאפן געלט פאר די ישיבה, און אויך כדי צו פארשפרייטן די נאמען פון די ישיבה איבעראל וואו ער איז נאר אנגעקומען.

רבי דוד האט אסאך מאל באזוכט אין פיטסבורג, אבער געווענליך איז ער איינגעשטאנען אין א אנדערער געגענט אין שטאט, דארט האבן געוואוינט זיינע קרובים. נאר איין מאל איז ער אנגעקומען צו אונזער געגענט, און ווייל ער האט געהערט אז אונז זענען מיר פון די איינציגע פאמיליעס וואס געבן אכטונג אויף א כשר'ע קאך, האט ער באשלאסן איינשטיין ביי אונז.

ווי געזאגט, אנדערשט פון רוב משולחים וואס זענען באשעפטיגט נאר מיט זאמלען געלט, איז רבי דוד באשאפן געווען פון א אנדערער מאטריאל; אקעגן זיינע אויגן איז געשטאנען נאך א ציל - נישט ווייניגער חשוב - פארשפרייטן אין גאנץ אמעריקע די פרישע נייעס אויף די אויפבוי פון א ישיבה אויף די פארגרעבטע אמעריקע.

איך בין דעמאלטס אלט געווען זעכצן יאר, און רבי דוד האט זיך אינטערעסירט אין מיר מיט א ספעציעלע איינגענעמקייט. ער האט מיך געפרעגט וואס איך לערן, און ווען איך האב אים געענטפערט אז יעצט האב איך פונקט געענדיגט די הויך-שולע, האט ער באלד געפרעגט מיינע עלטערן: 'פארוואס שיקן ענק אים נישט אין די ישיבה אין ניו יארק?'.

'ישיבה? וואס איז דאס א ישיבה?' - מיינע עלטערן האבן נישט געוואוסט די אפטייטש פון די ווארט 'ישיבה'. זיין זענען געווען פרום, געהיטן שבת און כשרות, ס'קען זיין אז זיי האבן געדענקט די ישיבות וואס זענען געווען אין די אלטע היים, אבער דא אין אמעריקע... די באגריף 'ישיבה' האט נישט געפאסט מיט די מציאות וואס זיי האבן געלעבט.

רבי דוד האט נישט געקווענקלט; 'איך וועל אים נעמען צו די ישיבה' - האט ער געזאגט, און האט באלד באקומען די הסכמה פון מיינע עלטערן. אבער דער שטן האט נישט אזוי שנעל מוותר געווען אויף מיר... ווען איך בין געלאפן צו די באס האב איך זיך אויסגעגלישט אויף די שניי און איך בין אראפגעפאלן. מיין פוס האט זיך צובראכן און איך האב געדארפט זיין ארום געגומען מיט גיפס אין לויף פון דריי חדשים. אויך נאכדעם האב איך געדארפט גיין גאנץ אפט צו א דאקטער, און אזוי האט זיך אויפגעהאלטן מיין רייזע אויף זעקס חדשים, און איך האב אנגעיאגט צו לערנען נאך איין זמן אין די אוניווערזיטעט אין פיטסבורג.

איך וואלט געקענט ווייטער דארט לערנען און אויסוואקסן א באוואוסטער פראפעסער, אבער ווי געזאגט, מיין מאמע האט אויף מיר פארגאסן טייכן טרערן, און דער חזון איש האט אמאל געענטפערט פאר איינעם וואס האט אים געפרעגט וויאזוי קען זיין אז עס זענען פאראן פרייע מענטשן וואס זענען אויפגעוואקסן געווארן אין די 'קיבוצים' וואס טון תשובה נאך עטליכע דורות וואס זענען געווען אפגעריסן פון די תורה? טרערן פון א מאמע קומען קיינמאל נישט צוריק ליידיג. זיי קענען אויך אריבערגיין א אייזענער וואנט און אנקומען ביז צו די כסא הכבוד. עס קען זיין אז עס וועט געדויערן א יאר ביז עס אנגענומען ווערן, עס קען זיין עס וועט געדויערן א דור, און אפילו דריי דורות, אבער אין ענדע ווערן זיי שטענדיג אנגענומען. ווען דער אייניקל קערט זי צוריק נאך עטליכע דורות זיין פרעמד, קען זייער זיין אז דאס איז א תוצאה פון די באבע'ס טרערן.

ביי מיר אז דאס געווען מיין מאמע וואס האט נישט אויפגעהערט דאווענען אויף מיר, און אזוי ארום זעקס חדשים נאך די באזוך פון רבי דוד, דערנאך וואס אלע שוועריקייטן האבן זיך אפגעטון האב איך זיך געטראפן שטיין ביי די טיר פון א באקאנטע ניו יארקער ישיבה. אבער א קורצע צייט נאכן אריינגיין אין ישיבה בין איך ווידער קראנק געווארן, דאס מאל מיט מיט הוסן, און דער דאקטער האט באפוילן איך זאל ארויספארן אויף די קעטסקיל'ס בערג כדי די ריינע לופט זאל צוהעלפן צו מיין רפואה.

אין די קעטסקילס בערג בין איך אנגעקומען צו א תורה'דיגע מחנה מיטן נאמען 'קעמפ מתיבתא' וואו דארט האבן זיך אפגערוט צוויי חשובע ישיבה בחורים וואס זייער עלטער איז געווען אזוי ווי מיין עלטער. איך בין מיט זיי באפריינדעט געווארן, און איינער פון זיי האט מיך איבערגערעדט איך זאל אריבערגיין לערנען אין די ישיבה 'תורה ודעת' צו הערן שיעורים פון זיין רבי דער באקאנטער גאון רבי שלמה היימאן זצ"ל, און אזוי האב איך געטון.

אין לויף פון דריי יאר האב איך זוכה געווען לערנען אין 'תורה ודעת' ביי הגאון רבי שלמה היימאן זצ"ל, און נאכדעם ביי זיין ממשיך, רבי ראובן גראזאווסקי זצ"ל וואס האט מיך אויך משדך געווען מיט זיין פלומעניצקע, די אייניקל פון הגרב"ב לייבאוויץ זיע"א דער ראש ישיבה פון קאמעניץ, די טאכטער פון זיין איידעם הגה"צ רבי משה בערנשטיין זצ"ל.

פון יעצט האט זיך אנגעהויבן דאס אומאויפהערליכע שטייגן פון רבי יצחק. ער האט זוכה געווען צו זיין א תלמיד מובהק פון די גדולי התורה אין אמעריקע, און שפעטער איז ער ארויף קיין ארץ ישראל. דערנאך וואס זיין שווער איז נפטר געווארן האט מען אים אויפגענומען צו זיין דער ראש ישיבה אין די באוואוסטע קאמעניצע ישיבה אין עיר הקודש ירושלים, וואו דארט האט ער מרביץ תורה געווען העכער זעכציג און האט אויך זוכה געווען אויפשטעלן טויזנטער תלמידים אין דער גארער וועלט. וואס ווי געזאגט, זיין הצלחה האט ער אנגעהאנגען אין די טרערן פון זיין מאמע די צדקנית.

פון א דרשה וואס ער האט געזאגט ביי א צוזאמקום 'אחינו' ניסן תשע"א

עיצובים shay